27 ווי איז צו אייך, סופרים און פרושים, צבועקעס!
אַז איר זענט גלייך צו געקאַלעכטע קברים, וואָס
פון אויסנווייניק זעען זיי אויס שיין, פון אינעווייניק
אָבער זענען זיי פול מיט ביינער פון מתים, און
28 יעדער אומריינקייט. אַט אַזוי ווייזט איר זיך ארויס
פון דרויסן ווי צדיקים פאַר די מענטשן, פון אינע־
ווייניק אָבער זענט איר פול מיט צביעות און רשעות.
29 ווי איז צו אייך, סופרים און פרושים, צבועקעס!
אַז איר בויט אויף די קברים פון די נביאים, און
30 באַצירט די מצבות פון די צדיקים, און זאָגט: אויב
מיר וואָלטן געלעבט אין די טעג פון אונזערע
עלטערן, וואָלטן מיר זיך נישט באַטייליקט מיט
31 זיי אין דעם בלוט פון די נביאים. אַזוי זענט איר
עדות צו זיך אַליין, אַז איר זענט קינדער פון די
32 נביאים־מערדער. און איר מאַכט פול די מאָס פון
33 אייערע עלטערן! איר שלאַנגען! גזע פון עקדעסן!
וויאַזוי וועט איר אַנטרינען פון דעם משפט פון
34 גיהנום? דערפאַר, זע, איך שיק צו אייך נביאים
און חכמים, און סופרים; אַ טייל פון זיי וועט איר
טייטן און קרייציקן; און אַ טייל פון זיי וועט איר
שלאָגן מיט ריטער אין אייערע שולן, און פאַרפאָלגן
35 פון שטאָט צו שטאָט; כדי עס זאָל קומען אויף אייך
דאָס גאַנצע רעכטפערטיקע בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן
געוואָרן אויף דער ערד, פון דעם בלוט פון הבל
דעם צדיק ביז צום בלוט פון זכריה בן ברכיה,
וועמען איר האָט געהרגעט צווישן דעם היכל און
36 דעם מזבח. באמת זאָג איך אייך, דאָס אַלץ וועט
קומען אויף דעם דאָזיקן דור.
37 ירושלים, ירושלים, וואָס ברענגסט אום די נביאים,
און שטייניקסט די, וואָס זענען געשיקט צו דיר!
וויפל מאָל האָב איך געוואָלט איינזאַמלען דיינע